RADOMER KIELCER LEBEN № 47 (83) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראשן [illegible] יאהרגאנג

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 12 זייטען.

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען"

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Sienkiewicza 35.

אנאנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 20 גר.
" 40 " אין " " "
. 18 " נאכ'ן " " "

ראדאם פרייטאג ג' כסלו תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך. — 20 Listopada 1925 roku


## טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אין ראדאם

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטן-פעראיין אין ווארשא. מיטן אנטייל פרויען: ביאלקאוויטש (ראזענצווייג), לובארטאווסקא, צאהם, אידא ראזענצווייג, שפילמאן. ה"ה: ביאלקאוויטש, בלאט, גינמער ווינער, וויינבערג, פעלר, שטיין א. א

פרוי אידא ראזענצווייג — 3-טער אויפטריט פון די בעוואוסטע סובריטען פון קאמינסקים-טעאטער אין ווארשא און צום ערשטען אויפטריט פון איבעראל אנערקענטען ה' קליין טענצער און באלעטמייסטער פון דער ווארשאווער אפערע

היינט פרייטאג 8,30 אווענד ווערט בענייט די בעליבטע קאמישע אפערעטע
די רומענישע חתונה
ראל דבורה פיהרט אויס פרוי אידא ראזענצווייג
אין 1 און 2 אקט טרעט אויף מיט נייע רומענישע טענץ דער באלעט—מייסטער ה' קליין

שבת נאר 1 פארשטעלונג אנהויב 3,30 בייטאג
ווערט געשפילט די בעוואוסטע פיעסע
אין 3 אקטען פון ש. אנס-קי
טאג און נאכט

פרעמיערע! זונטאג דעם 22 ה. ח. צום ערשטען מאל אין ראדאם פרעמיערע!
וועט געשפילט ווערען דער לעצטער אמעריקאנער שלאגער
וועלכער ווערט יעצט געשפילט אינאויפהער אין ווארשא און לאדז די בעליבטע אפערעטקע
בערעלע באסאק ספעציעלע טענץ אויסגעפיהרט דורכ'ן ה' קליין



## אכטונג
## חברים בעקער מייסטער

אויפ'ן גרונד פון רעגיסטרירטען סטאטוט דורכ'ן קרייז געריכט № 211 האט דער קאאפעראטיוו ביים יודישען בעקער מייסטער פעראיין אין קעלץ אנגעהויבען זיין טעטיגקייט דעם 2/9 1925.
מיר בעטען דעריבער אלע חברים בעקער מייסטער פון דער פראווינץ זאלען זיך רעגיסטרירען אלס מיטגלידער אין קאאפעראטיוו.
בעמערקונג: מיר שטעהען אין פערבינדונג מיט די גרעסטע פירמעס און מיר ליפערען מעהל פאר אונזערע מיטגלידער פון די בעסטע קוואליטעטען צו ביליגע פרייזען און אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

די פערוואלטונג
פון קאאפעראטיוו
ביים
יודישען בעקער פעראיין
אין קעלץ.



## בעקאנטמאכונג.

מיר מאכען בעקאנט דאס ג. פובליקום, דאס פון היינט אן האבען
מיר געעפענט א ביורא א. נ. „פאליטעקס" ראדאם,
וואלאווע 5 וועלכע ערלעדיגט:
שרייבען ביטעס און קארעספאנדענץ, איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכען אויף פויליש און פארקערט, איבערשרייבונגען אויף מאשין, פירט איין און פארמאכט האנדלס-ביכער און אויך שטעלט צוזאמען בילאנסען און קויפט אויס פאטענטען. אונזער ביורא „פאליטעקס" פירט אויס אלע אנפארטרויטע זאכען, פינקטליך און רעעל.
בעמערקונג: אלעס ווערט געמאכט צו קאנקורענץ-פרייזען מיט אכטונג
ביורא „פאליטעקס" ראדאם, וואלאווע 5

ראדאם וואלאווע № 5. [illegible]



# BANK HANDLOWY
# w ŁODZI
## Oddział w Radomiu

Centrala w ŁODZI — Oddziały w Warszawie,
Lublinie i Kielcach.
Ajentury: w Zamościu i Chełmie
**wykonywa wszelkie operacje w zakres bankowości wchodzące.**



## מאז

די ראדאמער אבטיילונג פון דער געזעלשאפט צו פערהיטען די געזונדהייט פון דער יודישער בעפעלקערונג „מאז" מעלדעט, דאס שבת דעם 28 נאוועמבער 1925 י., 8 א זייגער אווענד וועט פארקומען אין דעם לאקאל פון האנדווערקער-קלוב (וואלאווא 59
די יעהרליכע אלגעמיינע
בעריכט'ס-פערזאמלונג.

בעמערקונג: אנטייל נעמען אין דער פערזאמלונג האבען רעכט די מיטגלידער, וועלכע האבען דעם מיטגליד'ס אבצאהל ביז דעם 1/IX 1925 י, ערלעדיגט.

# יא — „גלייכע בעל=בתים!"

( דער ווירדיגער ענטפער פון ד"ר לאַנדוי ).

דער אַדוואָקאַט ד"ר לאַנדוי האָט אַרויסגעריסען אַ תשובה פון שטייגער'ס מויל, אויף וואָס נישט איין יוד שטעלט זיך אָפּ בעת ער איז ביחידות. „צי זענען מיר יודען טאָקי גלייכע בעלי-בתים פון לאַנד?" ד"ר פראַנקע, דער היטער פון געזעץ, האָט, אין משך פון די געריכט-פערהאַנדלונגען, שוין נישט איינמאָל דערויף אַ תשובה געגעבען. שטייגער, דער דערשראָקענער און בעליידיגטער, האָט געצויגען אין זיך אַ „אפשר".

אָבער בליץ-שנעל האָט עס אויפגעכאַפּט ד"ר לאַנדוי און זיין תשובה איז אַ אָפּקלאַנג פון מיליאָנען יודישע הערצער. יאָ — גלייכע בעלי-בתים! יאָ, דער איינציקער פון די לאַנדויס און יודישער ראַדיקאַל, קען קיין אַנדער תשובה נישט געבען. ער דאַרף נישט קיין צעטעל פון זכות אבות, נישט נויטיג דער מליץ יושר — די פעלקערליגע, וואָס זאָל איהם בעשטעטיגען, אַז ד"ר פיאָטראָווסקי איז נישט קיין גרעסערער יחסן פון ד"ר רינגעל, אַז פרל' פּאַטערנאַק איז נישט ערלעכער פון ד"ר שטייגערס שוועסטער, און אַז אויף דער וואָגשאָל פון פוילענס חשיבות איז לוקאַמסקי נישט גרעסער פון איהם, ד"ר לאַנדוי.

מ'דאַרף נישט דערצו, אַז דער אומבעקאַנטער זעלנער זאָל דוקא אַ יוד זיין, נאָך וואָס ס'חלש'ט אזוי די גערייצטע פאַנטאַזיע פון יודישע זשורנאַליסטען, גענוג בעקאַנטע זעלנערס פערמאָגען מיר אויף די גרעניצען און פעלדער פון פוילען און אין פוילען ערשט אויסזעהן אין די גרויסע קעלטן און פרעסט, אָהן קויהלען, אָהן קאָרטאָפעל און אָהן אַ וואַרים מלבוש.

מיר ווילען בלויז טוהן אונזער פליכט, ווייל מ'ר ווייסען, אַז יעדער מענש איז היינט גענוג פעריאָגט און פערנומען מיט זיינע אייגענע דאגות און קלאָפּאָטען, און ביים בעסטען ווילען קענען זיי נאָך פערגעסען אין זייערע אָרימע ברודער אין שוועסטער, דעריבער ווילען מיר דערמאָנען דעם גאַנצען היגען יודישען כלל, די קהלה-פאָרשטעהער, „בית לחם", וואָס וועט געוויס נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע, און מיר ווילען זיי בלויז זאָגען: ראַדאָמער יודען, כך כתוב בתורה...

י. פ.

גופא. די מגן־דוד'לעך אויף די פּאָזיציעס און וועגען, די פינסקער וואַנד און לעמבערגער ברוק האָבען אינז אַ סך צו דערצעהלען ווי גרויס ס'איז אונזער חלק אין פוילענס אומאָפּהענגיגקייט און מיט וואָס מיר צאָהלען פאַר אונזערע רעכט. דער פערבאַנד פון יודישע יתומים - געזעלשאַפטען אין פוילען פערמאָגט מעהר בעווייזען אויף אונזער אַנטייל אין פוילענס בעפרייאונג וויפיעל דער געוויסען פון 10 געריכטען פון קריסטאַל—ריינע געשוואוירענע...

ד"ר לאַנדוי האָט נישט געקענט לאָזען אָהן אַ תשובה די פראַגע, טובים מיט סטראַנסקי'ן ווועלען עס נישט פערענטפערען. ד"ר לאַנדוי איז זיכער, אַז דער „בדמיך חיי" איז ביי אונז אַ הונדערט פראָצענטיגער. נישט איין קראה איז אויף דער פוילישער ערד פעט געוואָרען פון יודיש בלוט און פלייש.

און נישט בלויז מיט בלוט האָבען מיר אונזער רעכט דערוואָרבען אין פוילענס אויפבוי־אַרבייט האָט דער יודישער שאַפענדיגער גייסט אריינגעטראָגען נישט ווייניגער ווערטען בערך פונ'ם פוילישען.

דער יודישער אַרבייטער, האַנדווערקער בויט דאַס לאַנד, פראָדוצירט פּראָ יהם פראָפּאָרציאָנאַל נישט ווייניגער פון זיין פוילישען חבר, דער יודישער קרעמער און סוחר טראָגט זיינס און קאָן. זייענדיג אָפט געצוואונגען צו מאַכען עס אויף אַ גוישען נאָמען.

אפשר קומט אימיצען אַ רעשט פון די מלוכה לאַסטען, וועלכע מיר טראָגען פאַר זיך און פאַר פרעמדע? זענען מיר אפשר קולטורעל אָפּגעשטאַנען? מיר וואָלטען ווי-ווייט געהאַלטען, ווען נישט די רדיפות און אזוי זענען מיר אויך נישט קיין בעל-חוב.

שטייגער האָט זיך געוועקעלט, אמת זיין "פפירוש'דיגע אומשולד האָט איהם נישט אַרויסגעפיהרט פון דער היים פון זיין שטייגערישער פשטות. ער האָט זיך געקוועקעלט, ס'האָט איהם נישט געכראַפּען אין הארצען די דאָזיגע שאלה.

שטייגער'ס און ד"ר לאַנדויס זיידעס האָבען נישט געוואוסט פון די בעריהמטע ווערטער „גלות פסיכאָלאָגיע", „ווידערגעבורט" לעבעדיגע יודען, אָהן מלוכה-פּרעטענזיעס, האָבען זיי קלאָר זייערע פאָדערונגען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק צו דער אמאָליגער שליאַכטע פאַרמולירט, אויטאָנאָמיע זעלבסטשטענדיגע קהלות, פרייקייט פון שפראַך, וצדים און הארצות, רעכטליכע קראַפט פון אַקטען און אָפּמאַכען אויף יודיש. „איך לעב — האָב איך רעכט" איז געווען די פאָרמולירונג.

אין משך פון הונדערטער יאָהרען זענען נייע בעגריפען בעשאַפען געוואָרען. ס'איז אויסגעוואַקסען און אויסגעהאָדעוועט געוואָרען דער בעוואוסטזיין פון „פערפלוכטען גלות", וועלכער איז נישט מעהר ווי אַ פּרוזדור, אַנ'אַכסניה: פאַראַלעל אָבער די פעסטשטעלונג פון אונזערע רעכט דאָ און די גרייטקייט פאַר זיי צו קעמפען.

שטייגערס רעפּיציהונג אין „מרכז" און „מכבי" איז נישט בייגעשטאַנען: „אפשר" האָט ער אַ קלער געגעבען, אָבער זישע לאַנדויס איינציקעל האָט אויף דער פראַגע, צו זענען מיר גלייכע בעלי בתים פון פוילען? געענטפערט פעסט: יאָ. ווירדיג און רעכטצייטיג. ב. ט=סקי.

◆◆◆◆


באַדראַט נישט אונזער האַנדלס—בילאַנס!!!
פאָדערט אינלענדישע אויסערבייטונגען אנשטאַט אויסלענדישע

PEPEGE
פאַבריק'ס מאַרקע

„PEPEGE" קאַלאָשן
זענען די דויערהאַפטסטע



באָטן „PEPEGE"
צייכענען זיך אויס מיט זייער עלעגאַנץ



„PEPEGE" ספּאָרט—שיך זענען די פּראַקטישסטע

„PEPEGE" Polski Przemysł Gumowy T. A. w Grudziądzu,

פאָלגענדע ראַדאָמער פירמעס האָבען זיך פאַרפליכטעט צו באַציען גומי—שיך
נאָר פון אינלענדישער אויסאַרבייטונג

H. Banker Lubelska 12
M. Lubinska „ 28
S. Mazurkiewicz „ 19
M. I. Nirenberg „ 1
Wł. Regent „ 22

N. Rozenblum Lubelska 21
I. Salbe „ 23
I. Tenenbaum „ 23
F. Zylberberg Warszawska 2

## גרויסער אינטערעס צום פאָרשטעהענדען קעסטענ־בערג—פאָגעלמאַן פּראָצעס.

צוליעב דעם, וואָס אויפ׳ן 30-טען ליסטאָפּאַד ה. י. איז בעשטימט געוואָרען דער פּראָצעס צווישען ה׳ קעסטענבערג מיט ה׳ פ אָ ג ע ל מ א ן, האָבען אַ ג ר ו י ס ע צ אָ ה ל מענשען שוין בעצייטענס זיך געווענדעט אין סעקרעטאַריאַט פון קרייז־געריכט צו בעטען איינטריטס־קאַרטען. א טהייל פון די נייגעריגע האָט זאָגאַר פאָרגעשלאָגען צו קויפען בילעטען, אָבער זיי האָבען בעקומען אַ ענטפער, אַז אין געריכט קומען נישט פאַר קיין טעאַטער פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע מ׳דאַרף זיך פריהער בעזאָרגען מיט אויסקויפען בילעטען.

בכלל האָט דער פּראָצעס אַרויסגערופען אַ אונגעהויערען אינטערעס.

## פוּן סוחרים-פעראיין

דער סוחרים-פעראיין מאַכט בעקאַנט, דאָס דער טערמין פון איינצאָהלען די 1-ראַטע פון אומזאַץ—שטייער אויף דעם 1-טן האַלבען יאָהר 1925 (איין דריטעל) איז פראָלאָגירט געוואָרען ביז דעם 20 ד. ח. דאָס הייסט ביז פרייטאג.

נאָך דעם טערמין האָט די פינאַנץ—מאַכט דאָס רעכט צוצוטרעטען צו עגזעקוציעס אויף דעם גאַנצען אומזאַץ—שטייער.

עס ליגט אַלזאָ אין אינטערעס פון די סוחרים נאָכצוקאָנטראָלירען, אויב זיי האָבען פּינקטליך דאָס דריטעל איינגעצאָהלט אַזוי פאַר דעם מלוכה—שטייער ווי אויך פאַר דעם קאָמונאַלען—שטייער.

ס׳איז געוואונשען די מיטגלידער זאָלען זיך ווענדען אין סעקרעטאַריאַט פון סוחרים-פעראיין, מיטברענגענדיג מיט זיך די נאָקאַזען, ווי אויך די קוויטאַנציעס פון דער קאַסע, נאָכצוזעהן אויב עס איז געוואָרען עפּיס איינגעצאָהלט.

## פון יודישען טעאַטער.

די יודישע טרופּע אין ראַדאָם האָט נאָך אַ געוויסע הפסקה, ווי עס ווייזט אויס, אָנגעהויבען צוריק בענייען איהרע טעאטער-פאָרשטעלונגען. אויף וועלכע עס טרעטען אויף, א חוץ די פריהערדיגע אויך ניי-אַנגאַזשירטע בעדייטענדע אַרטיסטישע כחות. דעם נייעם ווינטער—סעזאָהן האָט די טרופּע אָנגעהויבען מיט די אָפּערעטען „חנטשע אין אַמעריקא און די אַמעריקאַנערין“, וואו די טיטול—ראָל האָט געשפּילט די בעקאַנטע סוברעטען אין קאַמינסקיס טעאַטער, פר׳ אידאַ ראָזענצווייג.

פר׳ אידאַ ראָזענצווייג טרעט אויף דאָס ערשטע מאָהל אין ראַדאָם און זי האָט אין משך פון כּך הכל צוויי פאָרשטעלונגען זיך ערוואָרבען ביים טעאַטער - פּובליקום סימפּאַטיע און אָנערקענונג. אַ חוץ איהר, האָט די טרופּע איינגעלאַדען דעם בעריהמטען באַלעט—מייסטער ה׳ קליין פון ווארשא, וועלכער וועט אויף דער רומענישער חתונה אויספיהרען נייע, נאָך ביז איצט נישט געזעהענע טענץ.

די טרופּע רעפּוטירט־איין א רייהע נייע פּיעסען און אָפּערעטען, וואָס וועלען פאַרשאַפען דעם טעאַטער—בעזוכער אַ גייסטיגען גענוס און האַטש אויף אַ פּאָר שעה מאַכען איהם פערגעסען פון אַלע זאָרגען אין דער היינטיגער שווערער צייט.

## רעפעראַטען פון פּראָפ. פ. מושקאַטבליט.

די רעפעראַטען פון פּראָפ. ה׳ מושקאַטבליט ווערען בעזוכט פון אַ גרויסען קרייז צוהערער, ה׳ מושקאַטבליט ווייזט אַרויס אין זיינע פאָרטראַגען בקיאות אין חכמת ישראל. בעזונדערס צייכענט זיך אויס ה׳ מושקאַטבליט דערמיט, וואָס ער בעלויכט אַלץ אויף אַ קלאָר פערשטענדליכען אופן, אַזוי, אַז די צוהערער בעקומען אַ בעגריף פון׳ם בעהאַנדלטען ענין, היינטיגען פרייטאַג צו-נאַכט רעפערירט ה׳ מושקאַטבליט א.ד.ט. „ר׳ עקיבא און זיינע תלמידים“.

## פאָרברייטונג׳ס קורסען.

אַ גרופּע יודישע אַקאַדעמיקער האָבען איינגעאָרדענט אָווענד-קורסען, וועלכע גרייטען צו, צו אַלע קלאַסען פון דער מיטעל־שולע, חוץ אַלע אַנדערע שפּראַכען, ווערדט אויך געלערענט פראַנצויזיש און העברעאיש. די שולע געפינט זיך אויף דער וויטאַלדא 9.

## פון דער פעראייניגטע נאַציאָנאַל-פאָנד קאָמיסיע אין ראַדאָם

## ק אָ מ ו נ י ק אַ ט.

זונטאג דעם $22/_{11}$ ד. י. אום 11 אז. פ. מ. עפענט זיך אין זאַל „קאָרסאָ“ די קרן-קימת-לישראל ראיאָן-קאָנפערענץ פון קעלצער וואָיעוואודזסטוואָ.—

אין דער קאָנפערענץ נעמען אנטייל און וועלען אויפטרעטען מיט רעפעראַטען די מיגלידער פון דער ארץ-ישראל דעלעגאַציע, ד״ר ש. יוריס און ד״ר אסתר מאנגעל. מצד דעם וואַרשאַווער דירעקטאַריום, ה׳ אלימלך ניפּיעלד און דער בעפאָלמעכטיגער פון דער הויפּט-ביוראָ פון ק. ק. ל. אין ירושלים, ה׳ ישעיהו הורוויץ.

אַלע ראַיאָן דעלעגאַנטען ווערען געבעטען צו מעלדען זיך אין ביורא פון ק.ק.ל. אין ראַדאָם (לובעלסקא 25) אום צו בעקומען די דעלעגאַטען-קאַרטען.—

אַלע סימפּאַטיקער פון ק.ק.ל. וואָס וואונשען זיך אַנוועזענד צו זיין אויף דער קאָנפערענץ אין „קאָרסאָ“, דאַרפען זיך פערזעהן בּאַצייטענס מיט איינטרימס-קאַרטען, וועלכע זענען נאָך צו צו בעקומען אין אויבענדערמאַנטען ביורא-פון ק.ק.ל.


## בּ ע ק אַ נ ט מ אַ כ ו נ ג.

אזוי ווי ס׳איז אין דער לעצטער צייט פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז פּיעל בהמות ווערען געשחטען אויסער׳ן שחט-הויז און אזא שחיטה איז טריפה און אויך נישט אונטער׳ן סאַניטאַרען אויפזיכט. — ס׳ווערט אויך פערקויפט געשמוגעלט פלייש, וואָס ברענגט דערצו, אַז טריפה פלייש ווערט פערקויפט פאַר כשר׳ס — האָט דער ראַבינאַט בעשלאָסען אַרויסצוגעבען די קצבים הכשרים אויף יעדען חודש בעזונדער.

צו דעם צוועק דאַרפען אַלע קצבים, וועלכע ווילען בעקומען הכשרים, אָנגעבען דעקלאַראַציעס צום ראַבינאַט, וועלכע זענען צו בעקומען אין קאַנצעלאַריע פון דער קהלה קומענדע וואָך פון זונטאג, דעם 22-טען ביז מיטוואָך דעם 25־טען ה. מ. —

די קצבים, וועלכע וועלען נישט אָנגעבען דעקלאַראַציעס אויף צו בעקומען הכשרים וועלען פערעפענטליכט ווערען, אַז זיי געפונען זיך נישט אונטער דער השגחה פון ראַבינאַט.

געייכצייטיג ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די קצבים, וועלכע וועלען ווייטער שחט׳ען ביי ווינקעל-שוחט׳ים אָדער וועלען פערקויפען געשמוגעלט פלייש, וועלען נישט אריינגעלאָזט ווערען אין שחט-הויז און וועלען נישט בעקומען קיין הכשרים.

די פאָלגענדע קצבים האָבען זיך שוין אונטערגעוואָרפען אונטער דער השגחה פון ראַבינאט: —

יחיאל בוימאַן, ראובן פינקעלשטיין, זישקא זיגעלשטיין, מאיר פינקעלשטיין, משה יאַבלאָנקע, רפאל מאנדעלמאַן, אברהם פּאוולאָוויטש יעקיל ראָזענצווייג, יעקיל פרידמאַן, חיים ראָזענצווייג, יצחק קירשענבוים, משה ראָזענצווייג, מענדעל זילבערבערג, לייביש פּאַמעראַנץ.

ראַבּינאַט דפה ראַדאָם.



האַנטווערקער קלוב אין ראַדאָם וואָל 59.

שבת צו נאַכט׳ס דעם 21. XI. 6 אַ זייגער וועט

ה׳ מ. ג ר א ף פון ווארשא רעפערירען

א. ד. ט.

האַנטווערקער אין ליכט פון תלמוד

א י י נ ג אַ נ ג פ ר י י!



Radom UWADZE RODZICÓW Radom

ZRZESZENIE STUDENTÓW

**Kursy przygotowawcze.**

**Korepetycje poszczególne.**

Kursy wieczorowe języków:

HEBRAJSKIEGO i FRANCUSKIEGO

*Ceny kryzysowe*

**Ostatni tydzień zapisów:**

**ul. Witolda (sporna) 9 w godz. 12—2 i 5—7.**

דען זאָלען ענטוואָגען צו טוהן אזא זאך — זאגען אויף אסור מותר און אַזוי אויס ערנידריגען דעם פרעסטיזש פון ראבינאט. איז צום צווייטען מאָהל צונויף גערופען געוואָרען אַ פערוואַל-טונג'ס-זיצונג, אויף וועלכער ס'איז ווי-דער בעטראַכט געוואָרען וועגען די מיטלען, וואָס די קהלה דארפט אנצו-נעמען אום צו ליקווידירען די צופלאַ-קערטע מחלוקה און דער עיקר ווי אַזוי צוריק צו שטעלען די אָרדנונג אין די יאטקעס, אַז די קצבים זאלען צוריק נעמען די הכשרים און לאזען זיך בעזוכען פון די נאמנים, וועלכע האָבען זיך צוליב די 2 געגען—אויפרו-פען פון „ועד הכשרות" אראָבגעוואָר-פען פון זיך די השגחה פון ראַבינאַט. אויף דער צווייטער זיצונג איז צווי-שען אנדערעס אויך אָנגענומען געוואָ-רען דער פאָרשלאָג פון פרעזעס ה' רייזמאַן, וועלכען ער האָט זיינער צייט פארגעשלאָגען אויף דער פריהערדיגער פערטרויערליכער זיצונג פון ראָט וועגען שאַפען אַ פערשטענדיגונג'ס- קאָמיסיע, וואָס זאל שוין איינמאָהל פאַר אַלע מאָהל מאַכען אַ סוף צו דעם שדים-טאַנץ אין דער קהלה, און ווי מיר דערוויסען זיך, האַלט די „אוגאַ-דא" אויף אַ גוטען וועג.

איך בין זיך טאַקי מקדים און שיק איבער די „אוגאַרע-קאָמיסיע" אַ האַר-ציגע ברכה און זאָל איהר ארבייט זיין געקרוינט מיט ערפאָלג.

ירוק בן-מרדכי.

## פערזאמלונג פון „בית יתומים"

זינטאג דעם 22 ה. ח. 7 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער יודישע גמינע א אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער אינסטיטוציע „בית יתומים".

ס'איז כדאי צו בעמערקען דאס די אלגעמיינע פערזאמלונג האט געזאלט פארקומען פאריגע וואך נאר ס'זענען אין גאנצען געקומען עטליכע פערזא; צוליב וואס די פערזאמלונג איז אבגע-לעגט געווארען.

די אינסטיטוציע, וועמענס פערדינסטען זענען אלעמען בעקאנט געפינט זיך אין א זעהר טרויריגען מצב און ס'איז דעריבער א חוב פון אלע מטגלידער און נישט מיטגלידער צו קומען אויף דער פערזאמלונג.

יאגד-געוועהר, רעוואלווערס, גרייטע שיס-מכשירים, שרויט, פראך אלע ארט יאגד-מכשירים, אייגענע ווארשטאטען צו רעפערירען געוועהר.

פירמע. א. מאַלעצקי. ראדאם.

נאפט-לאמפען, טיש און קיך-לאמפען א גרויסער אויסוואהל פון גלאזווארק, קלאשען, ברענערס, און קנויטען צו לאמפען עמפפעהלט.

פירמע א. מאלעצקי. ראדאם.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער גאָלדע ראָזענצווייג ראדאָם מיט ה' מרדכי רובינשטיין פשיטיק, ווינשען מיר א הארציגען מזל—טוב, זאל זייער צוקונפט שטראָהלען ווי די אויפגעהענדע פריהלונג'ס זון אויף די בערג פון יהודה.

ברודער און שוועסטער מרדכי און עטיל ראָזענצווייג.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ליבען ברודער מרדכי רובינשטיין מיט פרל' גאָלדעלע ראָזענצווייג ווינשען זיי א גליקליכע צוקונפט.

ברודער אונד שוועגערין משה רובינשטיין און פרוי.

ראדאָם, 2 15 1925.

## דאַנקזאַגונג

די נעזעלש. „עזרה" דריקט אויס דאַנקבארקייט די אלע אנטיילנעמער אין געלד-זאַמלונג אין היינטיגן מיט-וואָך לטובת דער „עזרה" ספעציעל פרוי טייטעלבוים, פרל' שטרום, גאלד-פאַרב, איגעלמאַן און רינגעמאַכער, וועלכע בעקומענדיג אַ פריז אַ דאַמען האַנד-באַטעל, האָבן דאָס זעלבע צו-ריקגעשענקט לטובת „עזרה".

געזעלש. „עזרה".

צו דער האָכצייט פון מיין פריינדן מינדיל טענענבוים מיט ה, צבי ראַקאָטש ווינשען מיר אַ גליקליך צופרידען צוזאַמענבונד און זייער לעבענס—וועג זאל מיט דופטיגע בלו-מען בעציערט זיין.

ישראל ראָזענבערג אונד פרוי.

די לאַנג-יעהריגע פראַקטעקירטע און פאַטענטירטע אַקושערקע

צ. שיינבערג

פון לובלין

וואהנט היינט אין ראדאם אויף שעווצקי 15

אכטונג!

אזוי ווי מיין ברודער שלום דרעהניאַר האָט נישט געהאַט קיין בע-שעפטיגונג האָב איך איהם געגעבען צו עסען און טרינקען, צום סוף האָט ער מיין מאַן בעליידיגט מיט אזעלכע ווערטער, וואָס זענען פולשטענדיג ליגען, ווי אויך בעשווינדעלט, אַלזאָ ערקלער איך איהם, אויב דאס וועט נאָך אַמאָל פאָרקומען וועל איך איהם צוציהען צו געריכטליכע פעראנטוואָרטליכקייט און וועל זיין געצוואונגען דעם שווינדעל, וואָס ער איז בעגאנגען נעגען דעם לינת הצדק צו ענטדעקען און איך זאָג זיך אָב צו זיין זיין שוועסטער.

מיט אכטונג:

גיטעל ארזאך

פון צו הויזע דרעווניאַר קעלץ.

Kino „ODEON" Radom.

Od czwartku dn. 19-go do 22-go włącznie.

# Dama w Masce

w roli głównej

*Natalja Kowanko i Rymski.*

Teatr **POLSKI** w Kielcach

Zrzeszenie artystów pod kierunkiem Jerzego **Siekierzyńskiego**

**W piątek d. 20 listopada r. b. o g. 8-ej wiecz.**

URIEL AKOSTA tragedja w 5-ciu aktach wierszem **Gutzkowa.**

W sobotę dn. 12 listopada r. b. o g. 8-ej wieczorem

Szklanka panny młodej znakomita farsa w 3 ak. z włoskiego

W niedzielę 22 listopada o g. 4 po południu

Chata za wsią melodramat z powieści I. Kra-szewskiego ze śpiewami i tań-cami, 4 i 5 akt. z muzyką Noskowskiego

**Premjera!** W niedzielę 22 listopada r. b. o g. 8 w. **Premjera**

Panna w Koszarach

Wodewil ze śpiewami i tańcami w 3 aktach

*Bilety w cenie od 50 gr. do 2,50 gr.*

KINO „Phenomen" **Kielce.**

Dziś i dni następnych. Największe arcydzieło filmowe obecnego sezonu.

**Chluba Kinematografji Francuskiej**

PRZED BITWĄ

Nastrojowy dramat na tle wojny światowej w 10 aktach

W roli gł., premjowana piękność, królowa piękności Paryża

Nina Vanna

**w otoczeniu najsławniejszych artystów scen paryskich, Comedie FRANCAIS i Grand GOUIGNOL w Paryżu**

**Kino „PANI" KIELCE**

**Dziś i dni następnych.**

Dawno oczekiwane wielkie arcydzieło kinematograficzne p. t.

„SCARAMOUCHE"

Dramat bohaterskiej miłości w 9-ciu wielkich aktach osnuty na tle powieści SABATINIEGO.

W rolach głównych: prześliczna

ALICE TERRY,

ulubieniec kobiet

*Ramon NoVarro i Lewis Stone.*

צאָהן-דאָקטאָרין
## ה. ראַקאָטש
ראדאָם, שעראָקאָ 7.

---

Tranowa Emulsja Scotta



Scotta Emulsja Tranowa

איז די ערשטע און אַלגעמיין־אָנערקענטע מאַרקע פון אַלע טראַן־אויספּראַפּאַראַטונגען פון 52 יאָהר אָן ווערט זי בענוצט דורך דאָקטוירים פון אַלע קולטורעלע לענדער מיט די בעסטע ערפאָלגען אַלס מיטעל

### זיך צו ערנעהרען און זיך צו שטאַרקען

ביי שקראָפעל, קושיוויצע, ענגלישע קרענק און ביי נישט גוטען ערנעהרען זיך. **Scotta Emulsja** בעזיצט אַ גוטען טעם און קאָן זיין מיט ערפאָלג בענוצט אפילו ביי די גרעסטע היצען אין זומער.

פערלאַנגען נאָר אָריגינעלע **Emulsji Scotta**
פון די אויסשליסליכע פאַבריקאַנטען
## סקאָטט און באָוונע
אָבטיילונג פאַר קאָנגרעס־פוילען און פאַר די קרעסען:
**Warszawa, Nowogrodzka 2a tel. 31—54.**

---

ROZLEWNIA ESENCJI OCTOWEJ
**ROZENBERG,** Kielce, Aleksandra 1

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ג. קונדן אין קעלץ און אין קעלצער אומ־געגענד דאָס אין מיין פאַבריק בעקומט מען עסיג־עסענץ גאַראַנטירט 80 %
צו בעקומען אין מיין פאַבריק׳ס לאַגער אלעקסאַנדער גאַס № 1
ר עי ע ל ע פ ר י י ז ע ן
און גוטע בעדינגונגען

---

Garbarnia „Venus" Radom
**MŁODZIANÓW 4.**

## די גאַרבערײ „ווענוס"

האָט אָנגעהויבען צו געהן דעם 16-טען ה. ח. און נעמט אָן צו גאַרבען ססאַקעס אויף שוואַרץ און קאָלירט
### די גאַרבען־פּרייזען זענען מעסיגע
אינפאָרמאַציעס קען מען בעקומען
ביי ה׳ דוד מעדאַליאָן וואַלאָווא 22.

---

## יעדע ווירטין דאַרף וויסען,

אַז אַ ווייסע פאַדלאָגע קאָן מען אָפּפאַרבען אין פערליף פון איין שעה אויף די קאָלירען: רויט און נוס טונקעל מיט דער הילף פון דער אי־בעראַל־בעקאַנטער זאַפּראַווע

## „Jaśniej Słońca"

אַז דאָס איז נישט קיין פוסטע רעקלאַמע, קען זיך יעדער איבערצייגען
מיט אַ קליינער אויסגאַבע.
פערקויף אין אַפּטייק־סקלאַדעס, זייף און פאַרב־געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
**„MARY"** Warszawa, Dzielna 48, tel. 286-51.

---

**ZGUBIONO DOWÓD OSOBISTY**
wydany przez Starostwo Jędrzejowskie № 1 serja № 509741 na imię Altera B. Belfra zamieszkałego w Wodzisławiu, który unieważnia się.

---

Z intencji zaręczyn naszej przyjaciółki p.
**Geni Rozencwajżanki**
z. p.
**Maurycem Rubinsztejnem**
życzymy im aby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie
**Andzia Zylberberżanka**
**Regina Modrzewicka**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער
גאָלדע ראָזענצווייג
מיט ה׳
מרדכי רובינשטיין
ווינשען מיר זיי אַ הערליכע צוקונפט און אַ גליקליכע צוזאַמענלעבען.
ברוך ראָזענצווייג מיט פרוי און קינדער.

---

בעקאַנטמאַכונג

איך מאַך בעקאַנט דאָס געעהרטע פּובליקום דאָס איך פערטיג אויס אין 10 מינוט פערשיעדענע פאָטאָגראַפיעס און אויף פּעסער צו ביליגע פּרייזען
מיט אַכטונג **ש. פעלדמאַן**
ראדאָם מאַלאַ 5

---

## קינאָ „CZARY" אין ראדאָם.

פּרעמיערע! פון 16-טען ליסטאָפּאַד ה. י. פּרעמיערע!
ווערט דעמאָנסטרירט דאָס קאָלאָסאַלע היסטאָרישע בילד
# שלמה המלך
אין די
# מלכה שבא
מאָנומענטאַלער פילם־ווערק אין 10 אַקטען.
דער שטאַרקסטער ליבע־ראָמאַנס פון אַלע צייטען, צווישען די שענסטע פרוי פון יענער צייט **מלכה שבא** מיט׳ן קליגסטען מענש אין דער וועלט **שלמה המלך**. מיר בעקענען זיך מיט אַלע געשעהעניש׳ען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דעם אַרויפטרעטען אויפ׳ן טראָהן פון **שלמה המלך**.
די פּרייזען זענען ווי געוועהנליך.
יעדער איינער מוז קומען זעהן דאָס בעריהמטע פילם־בילד.

---

Kino Teatr
„CORSO"
**w Radomiu**

**OD CZWARTKU 19-go b. m.**
Wilki Wschodu
## O KOBIETĘ i ZŁOTO

---

צאָהן-אַרצט
## ל. רובינליכט
פילסודסקיעגאָ (שעראָקאָ) 14
נעמט אָן פון 10—2 און 4—6 נ. מ.

Redaktor i Wydawca CH. Herc — Odbito we własnej drukarni „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska № 20